בס"ד

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

וכל מאמינים

פרשת בהר

בנתיבות אמונים

פון די טיפקייט פון די פרשה אין די ענינים פון אמן און תפילה

א געבעהט אויף בטחון

צווישן די שווערע נסיונות אויף די מדה פון 'בטחון' איז די מצוה פון שמיטה וואס די מצוה איז דערמאנט אין אונזער פרשה. אין אנהויב פון די שמיטה יאר דארף דער פעלד ארבייטער זיך געזעגענען פון די פעלדער וואס ער האט אין זיי אריין געלייגט פלאג און שווייס, פון דעם האט ער זיך געשפייזט אין די זעקס פארלאפענע יארן, און יעצט וועט ער עס לאזן רועהן אין לויף פון דעם קומענדיגן יאר, און ווען עס ענדיגן זיך די פרנסה קוועלער, דארף ער זיך פארלאזן אינגאנצן אויפן באשעפער וואס האט אים צוגעזאגט (ויקרא כה כא) "וצויתי את ברכתי לכם", און צו גלייבן אז פון הימל וועט מען געבן אן קיין פלאג אלעס וואס עס פעלט זיך אויס פאר אים.

דאס איז זייער א שווערע פראבע, און אזוי שרייבט טאקע דער בעל **ספר החינוך** (מצוה פד) אז דאס איז די ציל און די טעם פון די מצוה - איינווארצלן און שטארקן אין אונז די ביטחון אין ה' יתברך, אזוי ווי ס'איז די לשון פונעם ספר החינוך: "יעדער וואס באשליסט ביי זיך אין הארץ נאכלאזן זיינע פעלדער אויף א יאר, און ער איז מיט זיין הויז געזונד זענען געוואוינט צו דעם, וועט אים קיינמאל נישט פעלן די מדה פון בטחון".

ענליך צו דעם, ערקלערט דער **'כלי יקר'** (כה לו) פארוואס שטייט די איסור פון ריבית - וואס אויך אויף דעם זענען מיר באפוילן געווארן אין אונזער פרשה, אין די פסוק "אל תקח מאתו נשך ותרבית" - נעבן די מצוה פון שמיטה, ווייל די צוויי מצוות האבן דעם זעלבן טעם; אזוי ווי די טעם פון די איסור פון ריבית איז ווייל דאס נעמען ריבית נעמט אוועק די ביטחון פון א מענטש, ווייל יעדער סוחר פארלאזט זיך שטענדיג אויפן באשעפער אז ער וועט אים צושיקן קונדן און סחורה צו קענען פארדינען, אבער דער וואס פארבארגט זיין געלט אויף ריבית, ווייסט פון פריער וואס עס ווארט אים אפ פון די פארדינסטן, און ער לאזט אפ חלילה זיין האפענונג פונעם באשעפער, אזוי אויך איז די מצוה פון שמיטה געגעבן געווארן צו פארשטארקן אונזער בטחון אין ה' יתברך.

דאס שוועריקייט צו דערגרייכן די מדה פון בטחון

מיר אלע ווייסן אז די מדה פון ביטחון איז א יסוד אויף דעם גאנצן אידישן לעבן, וואס דורך דעם קען א מענטש ליכטיג מאכן יעדע זאך אין זיין לעבן מיט א ליכטיקייט פון אמונה אין השי"ת'ס הנהגה. עס איז טאקע ריכטיג אז עס זענען פארהאן אסאך מדריגות אין די מדה פון ביטחון, אבער אלע האבן איין יסוד - דאס וואס מיר ווייסן אז מיר זענען די באליבטע קינדער פון השי"ת, און עס איז זיכער אז ער זארגט אויף אונזער גוטסקייט און אויף אלע אונזערע באדערפענישן.

אסאך מאל איז דאס לעבן ארום גענומען מיט שווערע און שטורעמישע פאסירונגען, וואס נאר דורך האבן די מדה פון ביטחון קען מען אדורך גיין בשלום. און עס רעדט זיך נישט פון אזעלעכע פעלער וואס די בטחון איז ביי אים נאר ווי דאס לעצטע וועג, נאך וואס ער האט שוין פארלוירן אלע האפענונגען, נאר אויך ביי אזעלעכע פעלער וואס דער מענטש מיינט אז ער קען נאך עפעס טוהן.

דווקא אין די צייטן ווערן מיר געוואר אז די נסיון פון בטחון איז זייער שווער, און כדי אז מ'זאל קענען באשטיין די נסיון, דארף ער האבן אסאך סייעתא דשמיא, וואס מ'קען עס דערגרייכן נאר דורך דאווענען און בעטן.

דער **'תולדות יעקב יוסף'** (פר' בא) ברענגט אין נאמען פון זיין רבי דער בעש"ט זי"ע, אז ס'קען זיין אז ווען השי"ת וויל אמאל איינעם שטארפן, נעמט מען צו פון אים די מדה פון בטחון, וועגן דעם לוינט זיך אז דער מענטש זאל שטענדיג דאווענען צו השי"ת זאל אים שטארקן מיט די מדה.

ענטפערן אמן ברענגט אראפ די ברכה

וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ וַאֲכַלְתֶּם לָשֹׂבַע וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח עָלֶיהָ (כה יט)

די ראשי תיבות 'ונתנה הארץ פריה' באטרעפט 91 אזוי ווי די גימטריא פון 'אמן' - דא איז א רמז אויף די גרויסע ברכות וואס א מענטש איז זוכה אלץ די שכר פון ענטפערן אמן.

אהבת ישראל

וצויתי את ברכתי

וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת ...וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם (כה כ-כא)

די ווארט 'לכם' [צוזאמען מיט די ווארט אליין] באטרעפט 'אמן', לויט דעם קען מען טייטשן די פסוק: "וכי תאמרו מה נאכל" - ווען ענק וועלן גיין עסן, דעמאלטס "וצויתי" זאגט אן השי"ת, את ברכתי - לכם": - פון פריער זאלן ענק זאגן א ברכה, און די צוהערער'ס - זאלן ענטפערן אמן.

ציצים ופרחים פרשת בהר

ושים חלקנו עמהם

א תפילה ענליך צו דעם טרעפן מיר אין די ברכה פון 'על הצדיקים', וואס דארט בעטן מיר "ותן שכר טוב לכל הבוטחים בשמך באמת - ושים חלקנו עמהם", און דער **יעב"ץ** ערקלערט עס אין זיין סידור 'בית יעקב', אז כאטש וואס דער מענטש איז א בעל בחירה, פון דעסטוועגן דארף ער צוקומען צו הילף אויף דעם, און וועגן דעם זאל ער שטענדיג דאווענען אז ער זאל זיין צווישן די וואס פארלאזן זיך אמת'דיג אויף השי"ת, כאטש וואס ער שפירט ביי זיך אז ער איז נישט אין די גרויסע מדריגה.

און סוף פון דעם באקאנטן ספר 'מצות הבטחון' האט הגה"צ **רבי שמואל הומינער** זצ"ל געדוקט א ווארעמע תפילה וואס איז פאסיג צו די יעצטיגע צייטן, וואס די ווערטער ברענגען ארויס א געוואלדיגע גלוסטעניש מ'זאל זוכה זיין צו בטחון: "אבינו שבשמים ...ידענו כי מבלעדי מאמריך וגזירותיך אין שום כח בעולם, ואין יכולת בשום נברא להועיל ולהזיק, להרע ולהטיב ...לכן באנו לשפוך שיח ותחינה לפניך ...נא אב הרחמן רחם עלינו ...וזכנו להאמין באמונה שלימה בך ...זכנו להיות בטחוננו בך תמיד על כל דבר, בטחון גמור ושלם, חזק מאד, בלי שום רפיון וחולשה, ולא נדאג ולא נפחד כלל..." [זעה דארט די גאנצע נוסח פון די תפילה].

די תפילה פון הגרי"ח זאנענפעלד זצ"ל

עס האט דערציילט דער רב פון ירושלים, הגה"צ **רבי יוסף חיים זאנענפעלד** זצ"ל: ארום א האלבע יאר נאך מיין חתונה בין איך געבליבן אינגאנצן אן קיין פרנסה, ווייל מיין שווער וואס האט זיך אונטער גענומען מיך אויסהאלטן איז אריבער וואוינען אין א אנדערע שטאט. ער האט פאר מיר פארגעשלאגן אריבער קומען צוזאמען מיט אים, אבער ווייל אין די שטאט וואו ער האט זיך געצויגן זענען נישט געווען אסאך תלמידי חכמים, וועגן דעם בין איך נישט אריבער וואוינען צוזאמען מיט אים, כאטש אז איך האב געוואוסט אז איך וועל דערלייגן דורך דעם מיין פרנסה.

אבער, חסדי ה' כי לא תמנו, און נאך אין יענעם טאג האב איך געטראפן דריי תלמידים וואס האבן געוואלט איך זאל לערנען מיט זיי פאר א געהאלט, און אזוי האב איך געהאט עפעס צום לעבן.

אין יענע שווערע צייטן האב איך מיט מיין פרוי געלעבט ממש זייער ענג, און נישט איינמאל האבן אונז געהונגערט אויף ברויט. עס האט זייער געשטערט פאר מיין פרוי, און פאר מיר איז אויך זייער שווער געווען צוקוקן צו איר צער.

און אזוי, אין איינע פון די טעג, ווען עס האט שוין אויסגעזעהן אז מיר האלטן עס נישט אויס, האב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל און איך האב געדאווענט: "רבון העולמים, איך קען נישט און איך וויל נישט דאווענען פאר דיר אז איך זאל האבן פרנסה ברווח, איך גלייב באמונה שלימה אז דו ווערסט מיר צושטעלן אלעס וואס פעלט זיך מיר אויס, אבער קוק נאר צו אין די צער פון מיין פרוי און לייג אריין אין איר הארץ די מדה פון בטחון, אז זי זאל נישט זארגן אויף פרנסה".

די דערציילונג האט רבי יוסף חיים געענדיגט: "עס זעהט מיר אויס אז מיין תפילה איז אנגענומען געווארן, ווייל כאטש וואס אלע מיינע טעג האב איך געלעבט אין א ענגן צושטאנד, אבער פון דעמאלטס האט מיין פרוי אנגענומען אלע שוועריקייטן מיט א ביטחון און מיט אמונה, און זי האט זיך נישט אפגערעדט איבער די שוועריקייטן פון פרנסה" ('עמודא דנהורא' עמ' 9).

ברוך אתה יי אלקינו מלך העולם, אשר נתן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה:
אמן

טייערע ברודער

אין די טעג פון ספירת העומר, וואס אין זיי דארפן מיר פארמערן אין תיקון המידות און ספעציעל אין די מצוה פון

'אהבת ישראל'

איז פאר אונז דא א עקסטערע אופן וויאזוי עס מקיים זיין:

האסט געהערט פון דיין חבר ווי ער זאגט א ברכה און דו האסט געענטפערט 'אמן' האסטו מיט דעם פארענדיגט זיין ברכה און מיט דעם מקיים געווען די מצוה פון 'אהבת ישראל'

מהר"ם שיק עה"ת פר' כי תבא

פניני אמונים

פערל ווערטער איבער אמן
און תפילה אין די פרשה פון די וואך

אמונה אין השי"ת וואס האט באשאפן די וועלט

שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ (כה ג)

דער **רבינו אפרים** שרייבט: די סופי תיבות פון "שש שנים תזרע" איז 'שמע', און אין די פסוק "**שמע** ישראל ה' אלוקינו ה' אחד" זענען דא זעקס ווערטער אזוי ווי די צאל פון די זעקס וואכעדיגע טעג, דיך צו לערנען, אז ווער עס ארבעט זעקס יאר און רוהט דעם זיבעטן יאר, און אזוי אויך דער וואס ארבעט זעקס טעג און רוהט אום שבת קודש, זאגט ער עדות אויף זיין שטארקע אמונה אין דעם בורא כל עולמים וואס האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג און האט גערוהט אין דעם זיבעטן טאג.

נחל קדומים פונעם חיד"א און זעה אויך אין חינוך מצוה פה

תשובה טוהן אין דעם חודש

וְהַעֲבַרְתָּ שׁוֹפַר תְּרוּעָה בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִעִי (כה ט)

די ראשי תיבות פון די פסוק איז 'תשובה', א רמז אז חודש תשרי איז די צייט פון תשובה טוהן - וואס הויבט זיך אן מיט די עשרת ימי תשובה.

פירושי התורה פון ר"ח פלטיאל

נישט אויספאפן ביי רוחניות

וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ (כה יז)

נישט אומזינסט האט די תורה געשריבן די איסור פון אויספאפן נאנט צו די ציווי פון "ויראת מאלוקיך", אונז צולערנען אז אויך אין די ענינים פון דינען דעם באשעפער טאר מען נישט אויספאפן די ארומיגע. אזוי ווי מ'דערציילט אויף הרה"ק **רבי משה פון סאווראן** זצ"ל, אז ווען איז נאך געווען ביי זיין הייליגן רבי'ן **רבי ברוכ'ל פון מעזיבוש** איז ער געווען געוואוינט צו דאווענען מיט א גרויסע ברען, איינמאל האט אים באגעגנט דער **שפאלער זיידע** זי"ע און האט אים געזאגט: יונגערמאן, דו זאלסט וויסן, אז די תורה זאגט אונז אן: "ולא תונו ...ויראת מאלוקיך" - דו דארפסט אכטונג געבן דו זאלסט נישט אויספאפן דיינע ארומיגע אז זיי זאלן טראכטן אז דו ביזסט א ירא שמים. מיט א צייט שפעטער האט רבי משה דערציילט אז די באמערקונג איז אים אריין טיף אין הארץ, און עס האט אים צוגעברענגט צו א נייע וועג אין עבודת ה'.

ליקוטי שושנים

און דער חפץ חיים זצ"ל איז צוגעוואוינט געווען צו זאגן בדרך הלצה, אז עס איז באקאנט אז די ווארט 'את' קומט צו פארמערן, און אויך די ווארט 'את' אין די פסוק קומט צו פארמערן - אז אויסער די איסור פון אויספאפן א צווייטן, טאר מען זיך נישט פאפן, אזוי ווי דער חכם האט געזאגט: "דער נאר איז פאר זיך א חכם, און דער חכם - איז פאר זיך א נאר".

החפץ חיים - חייו ופועלו ח"א עמ' שז

א רמז אויף די 'כותל המערבי' אין די תורה

כִּי יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָכַר מֵאֲחֻזָּתוֹ (כה כה)

פירש רש"י: "מאחזתו - ולא כולה, למד דרך ארץ שישייר שדה לעצמו".

הרה"ק **רבי אלימלך פון ליזענסק** טייטש עס אויס בדרך רמז לויט וואס חז"ל זאגן (קהלת רבה ד ח): "השי"ת האט ליב די אידן, אז ער האט זיי אנגערופן בנים ...**און ער האט זיי אנגערופן 'אחים'**, אזוי ווי עס שטייט: "למען אחי ורעי"..."; און די כוונה פון די תורה איז צו דערציילן אז אויך אין די צייט וואס עס וועט זיין " כי ימוך אחיך ומכר מאחוזתו" - ד.מ. אז דורך אונזערע עבירות וועט השי"ת חרוב מאכן דעם בית המקדש און איבערלאזן זיין לאנד פאר די אנדערע פעלקער, וועט השי"ת נישט פארקויפן זיין גאנצע וואוינונג, נאר ער וועט איבערלאזן אין דעם א טייל פאר זיך - דאס איז די כותל המערבי וואס פון דארט איז די שכינה קיינמאל נישט אוועק, און דורך די וועג גייען ארויף די אידישע תפילות און זיי ווערן אנגענומען אויך אין די צייט וואס מ'איז אין גלות.

נועם אלימלך

א תפילה אויף גאולה אין די שפעטערדיגע דורות

כְּפִי שָׁנָיו יָשִׁיב אֶת גְּאֻלָּתוֹ (כו נב)

יעדן טאג בעטן מיר ווייטער אז מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה, אבער נישט איינמאל קען חלילה אריינפאלן א געדאנק אין די הארץ - אויב אונזערע אבות, וואס זענען געווען קדושי עליון פון די פריערדיגע דורות, האבן איינגעריסן מיט זייערע תפילות צו דערנענטערן די גאולה און זיי זענען נישט געהאלפן געווארן, איז וויאזוי קען זיין אז אונז מיט אונזערע שוואכע כוחות וועלן קענען צוברענגען אז די גאולה זאל זיין אין אונזערע צייטן?!

אבער, האט געזאגט דער **'חפץ חיים'**, פון די פסוקים קענען מיר זיך אפלערנען אז די גאולה וועט זיכער קומען, כאטש וואס אין לויף פון אזויפיל יארן האבן מיר נאכנישט זוכה געווען צו די גאולה, ווייל נאך אזויפיל יארן איז זיכער אז די סאך תפילות און די שווערע גלות האט פארוויינגערט פון די יארן פון די גלות וואס איז נגזר געווארן, און דורך דעם וועלן מיר שנעל אויסגעלייזט ווערן.

חפץ חיים על התורה

אכטונג געבן פון זיך קריגן אין בית המדרש

לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם אֱלִילִם ...וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ (כו א-ב)

אין מסכת יבמות (צו ב) דערציילט די גמרא אז רבי יוסי בן קיסמא איז אמאל אנוועזנד געווען אין בית המדרש ווען ס'איז פארגעקומען א גרויסע קריגעריי איבער א געוויסע הלכה, אזוי ווייט איז געווארן די קריג אז די ספר תורה איז צוריסן געווארן דורך דעם, האט זיך אנגערופן רבי יוסי: "איך וואונדער זיך אויב פון די שוהל וועט נישט ווערן מיט די צייט א פלאץ צו עבודת כוכבים", און אזוי ווי ער האט געזאגט האט טאקע פאסירט.

און אלץ א רמז אויף דעם, ערקלערט דער בעל **'צרור המור'**, האט די תורה געשריבן די איסור פון דינען עבודה זרה נעבן די ציווי פון "ומקדשי תיראו", זאלסט דיך אפלערנען אז דורך נישט אפהיטן די כבוד פון די בית המדרש קען מען זייער שנעל צוקומען צו הארבע קריגערייען און אלץ דעם קען דאס בית המדרש פארוואנדלט ווערן צו א הויז פון עבודה זרה חלילה.

מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

"ומקדשי תיראו אני ה'..."

א מורא'דיגע געשעהניש האט פאסירט אין די שטעטל קראלי וואס איז אין אונגארין, אין די ערשטע יארן פון די רבנות פון הגה"ק רבי שאול בראך זצ"ל, פון די גרויסע אונגארישע רבנים, וואס ער איז געווען באקאנט אלץ א גרויסער לוחם אויף יעדע זאך וואס האט געהאט א פארבינדונג צו כבוד שמים און ספעציעל אין די ענינים פון קדושת בית הכנסת.

אינעם ערשטן שבת וואס ער איז געקומען אין בית המדרש, האט ער צו זיין ווייטאג באמערקט אז אסאך מענטשן פארברענגען ביים ליינען, מיט שמועסן נארישקייטן. עס האט אים זייער שטארק געשטערט, און ער האט פראבירט מעורר זיין אויף דעם ביי זיינע דרשות, אבער עס האט נישט געהאלפן. דעריבער האט ער באשלאסן צו טוישן זיין פלאץ פון די מזרח זייט, אויף דעם צענטער פון שוהל, דארט, נעבן דעם באלעמער וועט ער קענען גוט נאכקוקן וואס עס קומט פאר, און דורך דעם וועלן אים אלע זעהן און זיי וועלן ציטערן צו רעדן, ביז זיי וועלן אינגאנצן אויפהערן פון זייער געוואוינהייט.

אין די פריערדיגע צייטן איז די כח פון א רב אין זיין קהילה געווען זייער שטארק, און קיינער האט זיך נישט דערוואגט ווידערצושפעניגן זיינע רייד, אבער אין יענע צייטן האט זיך שוין פארשפרייט די גיפט פון די אזוי גערופענע 'משכילים' און זייערע נאכשלעפער'ס, און עס האט אנגעמאכט א ביטערן חורבן, די כבוד פון די רבנים איז צוטרויטן געווארן אויף א שרעקליכן אופן, און עס האט קיינעם נישט בארירט.

אויך אין די שטאט קראלי וואו דארט איז רבי שאול אויפגענומען געווארן צו זיין דער רב, האבן זיך די קהילה מיטגלידער נאכנישט צוגעוואוינט אז דער רב איז דער אמת'דיגער פירער אין אלע ענינים וואס האבן א פארבינדונג צו אידישקייט, זיי זענען געווען געוואוינט זיך צו צוהערן צו די רייד פונעם ראש הקהל וואס אלץ דער 'בעל המאה' האבן אלע אנגענומען זיינע מיינונגען אן קיין שטערונגען.

אזוי, אז ווען אין איינע פון די טעג איז פריי געווארן די פאזיציע פון דעם חזן, און איינער נאכן צווייטן זענען די באקאנטע חזנים ארויף צו די הויז פונעם ראש הקהל ווען זיי ווילן באקומען די חשוב'ע פאזיציע, און ווען איינער פון זיי האט מיט זיין שיינע שטימע שטארק געצויגן דעם געפיהל פונעם ראש הקהל, האט ער זייער שנעל באשלאסן אז ער איז דאס מערסטע פאסיג צו זיין דער חזן אין די שוהל.

זייער שנעל זענען גערופן געווארן די מיטגלידער פון די קאמיסיע צו א דרינגנדיגע פארזאמלונג, וואו דארט האבן זיי אפגעשמועסט מיטן חזן איבער זיין געהאלט און אויף די איבעריגע איינצעלהייטן וואס נויטיגן זיך, און נאר נאכדעם זענען זיי ארויף צו די שטוב פון דעם מרא דאתרא צו באקומען זיין באשטעטיגונג, אזוי ווי עס איז געשטאנען קלאר אין די שטאטוטן פון די קהילה.

אבער נאך א קורצע שמועס וואס דער רב האט געהאט מיט דעם חזן, האט זיך ארויסגעוויזן אז אלץ זיין נידריגע שטאפל אין רוחניות איז ער נישט פאסיג צו האבן דעם חשוב'ע פאסטן. דער רב האט נישט געהאט קיין אנדערע אויסוועג און האט געמאלדן פארן ראש הקהל אז ער קען נישט צושטימען צו זייער באשלוס.

די ענטפער פונעם רב איז אינגאנצן נישט געפעלן פארן ראש הקהל וואס איז געווען א יונגער, א רייכער און א בעל גאוה. אין אנהויב האט ער פראבירט איבער צורעדן דעם רב זאל ענדערן זיין באשלוס, אבער זייער שנעל האט ער פארשטאנען אז אויף דעם וועג וועט ער נישט קענען טוישן וואס דער רב האט באשלאסן, דעריבער האט ער באשלאסן אז ער גייט ארויס אין א קאמף.

דער ראש הקהל וואס איז געווען א יונגער און א טיכטיגער, האט זייער שנעל געטראפן נאך וואס זענען מיטגעשטאנען צו זיין זייט, און אלץ די ערשטע טריט האבן זיי באשלאסן צו רופן דעם ברייטן ציבור צו א 'מלווה מלכה' פארברענג אין א זאל וואס איז נישט אונטער די הערשאפט פון די קהילה, דארטן - אזוי האבן זיי געהאפט - וועט דער חזן וויזן פאר אלעמען זיינע טאלאנטן, און אזוי וועלן זיך די באטייליגטע אויך צושליסן צו די ווידערשטאנד אקעגן די באשלוס פונעם רב.

זייער שנעל זענען געדוקט געווארן די איינלאדענונג קארטלעך צו דעם געפלאנטן אוונט, און הונדערטער מענטשן - איבערהויפט פון די פשוט'ע מענטשן - האבן זיך פארזאמלט צו די מסיבה, נישט אלץ ווידערשפעניגונג אקעגן דעם רב חלילה, נאר כדי צו הערן עטליכע חזנות שטיקלעך אומזינסט.

דער גרויסער ציבור האט נאך מער געשטארקט די שטעלונג פונעם ראש הקהל, און אין זיינע רייד ביים עפענען די אוונט, נאכן אויסלויבן דעם חזן'ס מעלות, האט ער דערציילט פאר דעם פארזאמלטן עולם מיט א צובראכענע שטימע אז צו זיין גרויסע ווייטאג וועט די עולם נישט ק'ענען געניסן פון דעם וואונדערבארן חזן ביים דאווענען אין שוהל. "זיכער ווייסן ענק פארוואס..." - האט ער צוגעלייגט מיט א פאלטשע תמימות.

זיינע ווערטער האט ער געענדיגט מיט א האפענונג אז דאס וועט זיך ווייטער נישט אזוי ציעהן, און זייער שנעל וועלן **אלע** פארשטיין אז עס איז נישט פאר די כבוד פון אונזער קהילה אוועק שיקן פארשעמטערהייט אזעלעכע געלונגענע חזנים, אזוי ווי עס האט פאסירט.

רוב פון די באטייליגטע וואס זענען פון די איינפאכע מענטשן האבן צוגעשאקלט מיט זייער קאפ, אבער עס זענען דארט אויך געווען אזעלעכע וואס די חוצפה פונעם ראש הקהל האט זיי אויפגעשוידערט, און זיי האבן זיך געאיילט צו די הויז פון רבי שאול אים דערציילן איבער די צוזאמקום, ווען זיי האבן אונטערוועגנס נאך אנגעיאגט עס דערציילן פאר עטליכע יונגע בחורים.

דער רב וואס האט געהערט די געשעהניש, איז באלד געלאפן צו די ריכטונג פון די שוהל, דארט, אזוי ווי ער פארשטאנען, האט ער זייער שנעל באמערקט אין די אויפגעברויזטע יונגע בחורים, וואס האבן שוין געווארט אויף דעם ראש הקהל ער זאל ארויס קומען פון שוהל נאכן דאווענען שחרית, וואו זיי זענען געווען גרייט אים צו דערלאנגען אויף זיין חוצפה. דער רב האט זיי באפוילן זיי זאלן שנעל פארלאזן דאס פלאץ, און זיך צוקערן צום בית המדרש, און ער האט זיי אויך אנגעווארנט זיי זאלן אים נישט צורירן.

אינצווישן איז דער ראש הקהל אהיים געגאנגען אן ער זאל וויסן וואס עס איז פארגעגאנגען אין די חצר פון די שוהל, ווען ער איז אנגעקומען אין שטוב האט ער געטראפן זיין פרוי ווי זי שטייט אין קאך ווען מיט איין האנט מישט זיך די טאפ מילעך וואס איז געשטאנען אויפן פייער, און מיט איר אנדערע האנט וויגט זי דאס בעטל פון זייער פיצל קינד וואס איז אלט געווען א יאר. ווען ער האט באמערקט אז די טאפ הייבט אן צו קאכן, האט ער זיך געאיילט עס אראפ נעמען פונעם פייער, און דעמאלטס האט פאסירט די אומגלויבליכן אומגליק - מיט זיין איילעניש האט ער זיך אויסגעגלישט ווען די טאפ איז אין זיינע הענט, און ער האט אויסגעגאסן די בריעדיגע מילעך אויף זייער קליין קינד וואס איז גע'הרג'עט געווארן אויפן פלאץ, רח"ל.

געציילטע שעות נאכדעם איז פארגעקומען די טראגעדישע לוויה, און די גאנצע שטאט האט געשטורעמט...

אין שבת קודש, ווען עס האט זיך געענדיגט די 'שבעה' איז ער געקומען אין שוהל ווען זיין הארץ איז צובראכן אויף פיצלעך, מ'האט אים אויפגערופן צו די עליה פון שלישי, און נאכן זאגן די ברכה האט ער אויסגעקלאפט אויף די באלעמער און האט אויסגערופן ווען טרערן שטיקן זיין האלדז: "איך בעהט איבער דעם רב, וואס מיט מיין עזות האב איך זיך גע'חוצפה'עט אקעגן אים, און באלד בין איך געשטראפט געווארן, איך בעהט אז דער רב זאל מיר מוחל זיין...".

דער רב וואס איז געשטאנען, ווי אויבנדערמאנט, אין לויף פון א גאנצע ליינען נאנט צו די באלעמער האט צוגעשאקלט מיט זיין קאפ וואו ער שטימט צו, אבער ער האט אים באלד אפגעהאקט מיט א פראגע - וועלעכע היתר האסטו געטראפן צו רעדן אין א צייט וואס מ'טאר נישט רעדן?!

'שאול בחיר ד' עמ' קכח

shay עיצובים